# ליל שבת קודש פרשת מקץ שבת ב׳ דחנוכה ה׳תשס״ד

פרייטאג צו נאכט׳ס ביי די ערשטע סעודה, האט מוהרא״ש שליט״א געשמועסט גיוואלדיגע מורא׳דיגע דיבורים, אויפן רבינ׳ס רייד אין ספה״ק ליקוטי מוהר״ן חלק א׳ סי׳ ריח, וואס שמועסט פון א נסיעה וואס א מענטש פארט פלוצעם, עיין שם.

און האט מוהרא״ש שליט״א אנגעהויבן: זאגט דער הייליגער רבי ז״ל. זאלסט וויסן, אז אמאל ווען ס׳איז נגזר אויף א מענטש ח״ו עפעס א גזרה - ׳ואף על גב דאיהו לא חזי מזלה חזי׳ (מגלה ג) – [אפילו אז ער זעהט נישט, אבער זיין מזל זעהט], דערפאר וויל ער זיך באהאלטן, און פון דעם קומט אז פלוצעם, א מענטש פארט צו א פלאץ – דאס איז בכדי ער זאל זיך מסתיר זיין. און אפילו אז ער ווייסט נישט פון דעם, אבער די נפש ווייסט דערפון, דעריבער קומט איהם א רצון א הין צו פארן, און אמאל ווען ער קומט דארט אן – ווערט ער דארט מער נתפרסם, און דאס קען איהם זייער שאדן, חס ושלום. און פון דעם איז געשעהן א הסתלקות פון זייער א גרויסער וואס האט געוואלט פלוצעם פארן קיין ארץ ישראל, און ער האט אליין געווסט דערפון וואס ער האט גערדארפט זיך מסתיר זיין, און ער איז געפארן אויף די מדינה, און ס׳איז געווען א גרויסער פרסום, און ער איז נסתלק געווארן אין יענעם וועג. און דאס איז געשעהן נאנט, אין אונזערע צייטן, דער אייבישטער זאל אפהיטן; עד כאן לשון רביז״ל.

און מוהרא״ש שליט״א מסביר געווען, אז דער רבי איז אונז מגלה אין די תורה, פון ווי צוהט זיך אז א מענטש ווערט נתעורר פלוצעם צו פארן עפעס א נסיעה, אן ער זאל האבן א קלארן טעם דרויף. דאס איז ווייל ער וויל זיך מסתיר זיין פונעם בעל דבר וואס וויל מקטרג זיין אויף איהם. און ער דארף נזהר זיין זיין אינעם נסיעה גאר בהסתר, און נישט נתפרסם ווערן. ווייל דאס קען איהם זייער שאטן. אזוי ווי עס איז געווען ביים צדיק רבי נפתלי כ״ץ זי״ע, בעל סמיכת חכמים, וואס האט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, און איז געפארן דורך די שטאט אינסטאנבאל אין לאנד טערקיי און ער איז דארט נתפרסם געווארן, האט ער געמוזט נסתלק ווערן און באערדיגן ווערן דארטן, און דער רבי ז״ל אין זיין וועג קיין ארץ ישראל, איז ער פאריבער אין שטאט אינסטאנבאל, און איז געווען פרייטאג אויף זיין ציון און ער איז געפאלן דארטן חלשות, און קוים האט מען איהם געקענט אויף וועקן. האט דער רבי שפעטער דערציילט, אז דורך דעם וואס

מען האט איהם דערמינטערט האט מען געראטעוועט זיין לעבן – ווייל יענער הייליגער צדיק האט זיך באקלאגט פאר'ן רבי'ן אז ס'איז איהם זייער עלענט דארט, און ער וויל אז דער רבי ז"ל זאל ליגן אין דער נעבן. און ער איז געווען אין א גרויסע סכנה ער זאל נישט נסתלק ווערן דארטן, און מיט דעם וואס מ'האט איהם אויף געוועקט האט מען איהם געראטעוועט פונעם טויט.

און וואס דער רבי דערמאנט אין די תורה - "און דאס איז געשעהן נאנט, אין אונזערע צייטן", דאס גייט ארויף אויפ'ן שווער פון הרה"ק רבי יודל ז"ל, א תלמיד פון רבי'ן, וואס איז געווען גאר א גרויסער צדיק, און האט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, און ער איז געווען אויפן שיף, און ס'אנגעקומען גאר א מאדנע און ריזיגע פיש, און האט געוואלט אנשלינגען די שיף, און דער צדיק איז ארויף אויפן זעגיל בוים, און ער האט באוויזן דעם משונה'דיגער תנין דער ברית קודש, און ער איז גלייך אנטלאפן. און פון דעם איז נתפרסם געווארן פאר אלעמען אז דער איז גאר א גרויסער הייליגער צדיק – אבער דאס האט איהם גורם געווען אז ער איז נסתלק געווארן דארט אויפן שיף, און מ'האט איהם ארויף געלייגט אויף א בלאט-האלץ כדי ס'זאל נישט ארויף גיין פון איהם נישט קיין גוטע גראך, און ער האט מיט געשווימט נעבן די שיף, ביז מ'איז אנגעקומען צו עפעם איין אינזל, און אין יענער אינזל האבן זיי געהאט בקבלה, אז ס'וועט אמאל אנקומען אן צדיק זיך באגראבן ווערן דארט, און מ'האט איהם באערדיגט מיט גרוים כבוד, און דאס זענען די צוויי מעשיות וואס דער רבי דערמאנט אין די תורה.

קומט אוים אז דער גילוי פון רבי'ן אז די הסתרה איז אן געראטעוועטקייט און בלייבן לעבן, איז דאך דאס גאר א וויכטיגע ידיעה פאר א ערליכער יוד וואס טיט אין עבודת השם, ער זאל נישט וועלן מ'זאל וויסן פון איהם, נאר דער עיקר זאל ער עוסק זיין אין זיין עבודה מיט א תמימות אין הצנע לכת, און אויב דער אייבישטער וועט וועלן ער זאל נתפרסם ווערן וועט ער נתפרסם ווערן אפילו בעל כורחו – אבער ער זאל גאר נישט מאכן קיין שום פעולות דערפאר, און מיט דעם וועט ער אנקומען צו זיין זאך אויף דער וועלט, וואויל איז איהם און וואויל איז זיין טייל.

און מוהרא"ש שליט"א האט דאס אלעם, זייער הערליך מקשר געווען צו פרשת השבוע – מיר טרעפן ביי יעקב אבינו, אז ער האט זיך באנוצט מיט די עצה, און ער

breslevcity.co.il

האט פארבאטן פאר זיינע קינדער אז זיי זאלן זיך באהאלטן וואס מער זיי קענען, אזוי ווי עס שטייט (בראשית מב) וירא יעקב כי יש שבר במצרים ויאמר יעקב אל בניו למה תתראו. ווייל יעקב אבינו האט געזעהן אז מ׳דארף פארן קיין מצרים, ווייל דארט איז דא ׳שבר׳ [עסן], און ׳שבר׳ איז אויך א לשון פון א האפענונג, אבער ער האט נישט געזעהן קלאר ווי אזוי און מיט וואס, און דאס איז ממש דער אויבנדערמאנטע ענין – ׳אף על גב דאיהו לא חזי - מזליה חזי׳.

דעריבער האט יעקב אנגעזאגט זיינע זוהנען - למה תתראו. עטץ זאלסט ענק נישט באווייזן פאר בני עשיו וישמעאל כאילו איהר זענט זייט וכו׳, און רש״י ברענגט דארט, כדי איהר זאלסט נישט אויסקוקן מאדנע ביי לייט, און נישט נתפרסם ווערן צווישן זיי, און דער יצר הרע זאל נישט מקטרג זיין אויף זיי. דעריבער האט ער זיי געזאגט זיי זאלן נישט אריינגיין אין איין טויער קיין מצרים ס׳זאל נישט געוועלטיגן אין זיי עין הרעאזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם פסוק ה׳) ויבואו בני ישראל לשבור בתוך הבאים, וזאגט רש״י – ׳מטמינין עצמן שלא יכירום׳ וכו׳ [זיי האבן זיך בייהאלטן מ׳זאל זיי נישט קענען], אלס איז געווען זיי מסתיר צו זיין פון די מקטרגים, אז זאלן זיי נישט שעדיגן.

און בשעת זיי זענען געשטאנען פאר יוסף, האט ער גוט פארשטאנען אז זיי ברויכן חרטה צו האבן אויף וואס זיי האבן אפגעטוהן קעגן איהם, אז זיי האבן געוואלט איהם הרג׳ענען, ווייל זיי האבן איהם אריינגעווארפן אין א גרוב פוהל מיט שלאנגן מיט עגדעסן, און ביים סוף האבן זיי איהם פארקויפט פאר א קנעכט. אין די אלע פגמים זענען געווארן ווייל זיי האבן איהם פיינט געהאט און זיי האבן אין איהם מקנא געווען, און ער האט זיי געוואלט ווייזן די וועג פון תשובה, אז אפילו מ׳איז מקנא אין א מענטש, דארף מען אבער זייער אכטונג געבן מ׳זאל נישט אנקומען צו אזא שנאה אז מ׳קומט אן צו הרג׳נען אין פארקויפן.

דעריבער האט יוסף זיך אויך באנוצט מיט די עצה, זיך אינגאנצן באהאלטן, אזוי ווי ס׳שטייט (שם פסוק ז׳) ויתנכר אליהם וידבר אתם קשות וגו׳. און ער האט זיי חושד געווען פאר שפיאנער, ביז זיי האבן זיך מתוודה געווען און געזאגט (שם פסוק כא) אבל אשמים אנחנו וגו׳ [אבער מיר זענען שולדיג], און דאס אליין איז נאך נישט געווען גענוג, דעריבער האט ער זיך אויף זיי פאר׳בלבול׳ט מיטן בעכער – ביז זיי האבן

נאכאמאל געזאגט (בראשית מג) מה נאמר לאדני מה נדבר ומה נצטדק האלהים מצא את עון עבדיך, הננו עבדים לאדני וגו׳ – צו פארריכטן דאס וואס זיי האבן איהם פארקויפט, אבער דערווייל האבן זיי נישט געוואוסט אז דאס איז יוסף.

און דער עיקר תיקון איז געווען ביים סוף נאך יעקב אבינו׳ס שטארבן, אז זיי זענען געקומען פאר יוסף, און זיי זענען געפאלן פאר איהם און געזאגט (בראשית נ׳) הננו לך לעבדים [מיר זענען קנעכטן פאר דיר]. דעמאלס האט יוסף זיי מגלה געווען דער סוד התשובה - ויאמר אליהם יוסף לא תיראו כי התחת אלהים אני, ואתם חשבתם עלי רעה אלהים חשבה לטובה למען עשה כיום הזה להחיות עם רב – אז מיר דארפן וויסן אז אלעס איז א סיבה פון השם יתברך וואס ער איז מסבב את כל הסיבות, און מיר דארפן זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבישטער, אין מיט דעם האט ער געוואלט אין זיי אריינברענגן דער ריכטיגער דעת אז מ׳טאר נישט רודפ׳ן קיין שום יוד, אין מתיר צו זיין זיין בלוט.

און דער אייבישטער זאל אונז מזכה זיין ארייננצוליינן און אונז א אמת׳ע אהבת ישראל, מיר זאלן זוכה זיין בייאיינינגן מיט אלע נשמות ישראל, ביז מ׳זאל שוין זעהן די אויסלייזן ווערן פון יודישע קינדער פונעם גלות, אמן ואמן.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית